


A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of The Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org

פרשת קרח, כ"ט סיון תשס"ז
גליון 3, מספר 30




# פרשת קרח

ויגמול שקדים

אין היינטיקער פרשה ווערט דערציילט וועגן דער מחלוקת וואס קרח האט געפירט אויף אהרן הכהן. און כדי צו באווייזן אז ער האט אויסגעקליבן אהרן אלס כהן האט דער אויבערשטער געמאכט א סימן און "עדות" - אז אהרן'ס שטעקן האט געבליט און ס'איז אויסגעוואקסן "שקדים" (מאנדלען).

פארוואס דוקא "שקדים"?

זאגן די חז"ל (און רש"י ברענגט עס אראפ), אז שקדים "הוא הפרי הממהר להפריח מכל הפירות" - שקדים בליען שנעלער ווי אלע אנדערע פירות. דאס הייסט, עס נעמט די ווינציקסטע צייט פון ווען מען פלאנצט זיי ביז זיי וואקסן אויס, וואס דאס איז אויך איינער פון די אפטייטשן פון נאמען "שקדים" - פון לשון "שוקד", וואס ווייזט אויף שנעלקייט.

סיפורים אין תורה זיינען א הוראה און "מוסר השכל" ווי מיר דארפן זיך אויפפירן.

איז די הוראה פון דעם סיפור:

א כהן האט זיך געפונען אין משכן און דארט געדינט דעם אויבערשטן דורך ברענגען קרבנות און אזוי ווייטער. און דעריבער האט ער שטענדיק געדארפט זיין אין א צושטאנד פון טהרה כדי ער זאל קענען טאן די עבודה אין משכן בטהרה.

דער ענין פון "כהונה" איז אויך פאראן ביי יעדער אידן. אין די צייטן ווען מען לערנט תורה, מ'דאווענט אדער מ'איז מקיים מצוות איז מען ווי א כהן. און אין די צייטן פאדערט זיך אז מען זאל זיין ספעציעל טהור. אין די צייטן ווען מען שפילט זיך אדער מ'איז פארנומען מיט מאכן מסחר, איז ניט אזוי נוגע דער ענין פון טהרה, אבער בשעת'ן לערנען, דאווענען און מקיים זיין מצוות דארף מען זיין אין א צושטאנד פון טהרה, מיט ריינע מחשבות, ריינע קאפ און הארץ.

אויף דעם לערנט אונז די תורה, אז דער סימן אויף כהונה איז - "שקדים", וואס דער באדייט דערפון איז: א סימן אז א איד פירט זיך אויף ווי א כהן איז, אז גלייך ווי ער באשליסט צו טאן דעם אויבערשטנ'ס רצון, איז פון זיין גוטער מחשבה "בליט" גלייך ארויס, אן קיינע שטערונגען, א מעשה טוב!

בשעת מ'מאכט א אמת'ן פעסטן באשלוס צו טאן א גוטע זאך, ווערן בטל אלע שטערונגען וואס שטייען אים אין וועג, ווייל דער אויבערשטער נעמט אראפ פון אים אלע שטערונגען.

*(המשך אין עמוד 2)*

*טייערע קינדער שלוחים,*

*"מען פארט צום רבי'ן!" חסידים ווילן יעצט פארן צום רבי'ן ג' תמוז. מען פארט מיט א קאר, א באן, אדער מען פליט אריין צו קראון הייטס, צו פארן אויפן אהל.*

*שטעלט אייך פאר אז איר פארט אויפן באן אויפן וועג צום רבי'ן. אין מיטן די רייזע, באמערקט איר ווי איינער שטייט אינצווישן צוויי טיילן פון די באן און פרואווט אראפנעמען דאס וואס פארבינדט די חלקים פון דער באן. גלייך שרייט איר, "וואס טוסטו?" און דער מענטש ענטפערט, "איך האב באשלאסן אז איך וויל ניט גיין וואוהין די באן פארט. איך וויל אז אונזער טייל פון די באן זאל גיין אויף אן אנדער וועג."*

*אזא נארישער מענטש!! אויב ער איז ניט פארבונדן צו די טייל וואו עס ציעט די פירער פון די באן, וועט ער אין ערגעץ וואו ניט קענען אנקומען!!*

*דאס זעלבע זאך איז צווישן אונז און דעם רבי'ן נשיא דורנו. די איינציקע וועג ווי אידן קענען "פארן אנטקעגן משיח'ן" איז דורך זיין פארבונדן מיט אונזער נשיא.*

*דער אויבערשטער זאל געבן, אין די זכות פון אונזערע החלטות לכבוד ג' תמוז, אז מיר זאלן זיך זעהן מיט אונזער רבי'ן און צוזאמען פארן צו ירושלים!*

*-א. וועכטער*




## ג׳ תמוז

*אין א בריוו וואס דער רבי האט געשריבן ג׳ תמוז תש״י, 5 חדשים נאך די הסתלקות פון פריערדיקן רבי׳ן, ערקלערט דער רבי וואס איז די מהות פון א רבי:*

„פיל זוכן צו פארשטיין וואס איז די גרויסקייט פון די ליובאוויטשער רביים בכלל און בפרט די רבי נשיא דורנו (דעם פריערדיקן רבי׳ן). דער רבי איז געווען א איד וואס האט געלעבט מיט גרויס מסירות נפש, ער איז געווען א גרויסע תלמיד חכם, א מענטש מיט אויסערגעוויינליכע מדות, איינער מיט רוח הקודש, און איינער וואס קען מאכן נסים.

אבער, דורך דעם אלעם פעלט עפעס אין די אלע תוארים. וויל די עיקר פון א נשיא איז דאס וואס ער איז די **"ראש בני ישראל"**. ער איז ווי א קאפ צו די די אידן, און דורך אים באקומען זיי זייער חיות. דורך פארבינדען זיך מיט דער נשיא, פארבינדן זיי זיך מיטן אויבערשטער אליין."

*טייערע קינדער, יעצט לכבוד ג׳ תמוז דארפן מיר אריינטראכטן אין אונזער התקשרות צום רבי׳ן. מיר דארפן זען וואס מיר קענען זיך שטארקן. אין די זכות פון אייך, די טייערע שלוחים, וועלן מיר זוכה שוין פועלן די גאולה האמיתית והשלימה. לאמיר בעטן אז מיר זאלן זיין דעם יאר ג׳ תמוז אין ירושלים ביי א גרויסע פארברענגעניש צוזאמען מיט אונזער רבי׳ן!*

## ג׳ תמוז טשעקליסט

- ☐ שרייבן א פ״נ
- ☐ געבן צדקה
- ☐ לערנען פון דער רבי׳ס שיחות,אגרות, וכו׳
- ☐ זאגן תהילים
- ☐ אנטייל נעמן אין די טעלעפאן ראללי פאר ילדי השלוחים
- ☐ אננעמן אויף זיך א נייע החלטה

*אלס מיט די כוונה צו ברענגן די התגלות פון משיח נאו*

לעילוי נשמת
אאמו״ר הרה״ח התמים ר׳ **דובער**
בן הרה״ח ר׳ **נפתלי** שו״ב ע״ה יוניק
זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים
נפטר ביום הרביעי, ט׳ אייר תשס״ה

נדבת בנו ר׳ דוד שי׳ יוניק ומשפחתו

*(המשך פון לעבן מיט דער צייט)*

און דאס איז די אפלערנונג פאר אידישע קינדער: די יארן ווען מען געפינט זיך אין ישיבה וואו מען לערנט דעם אויבערשטנ׳ס תורה, איז די צייט פון לעבן ווען מ׳איז ווי א "כהן". דארף מען וויסן אז עס פאדערט זיך דעמאלט צו זיין אין א צושטאנד פון ספעציעלע טהרה, א ריינקייט אין מחשבה און אין דער גאנצער אויפפירונג.

און בשעת מען מאכט א פעסטן און אמת׳ן באשלוס צו מוסיף זיין אין לימוד התורה, אין דאוונען און אין מקיים זיין מצוות - דעמאלט "בליען" גלייך ארויס מעשים טובים: עס ווערן בטל בדרך ממילא אלע שטערונגען, און פון דער מחשבה קומט עס גלייך אראפ אין מעשה בפועל, און ווי די חז״ל זאגן: "יגעת - ומצאת".

*(פון דער רבי׳ רעדט צו קינדער, משיחת כ״ו סיון תש״כ)*




## ראש חודש תמוז

שבת - ל׳ סיון
זונטאג - א׳ תמוז

- ☐ איך האב געזאגט יעלה ויבא אין שמונה עשרה און אין בענטשן
- ☐ איך האב געזאגט הלל נאך שמונה עשרה
- ☐ איך האב געדאוונט מוסף
- ☐ איך האב געזאגט ברכי נפשי נאך שיר של יום
- ☐ (פאר מיידלאך) איך האב ניט גענייט אדער געוואשן קליידער פרייטאג




## שלוחים ראללי לכבוד ג׳ תמוז

קינדער, נעמט אנטייל אין א ספעציעלע פארברענגען לכבוד ג׳ תמוז: מאכט זיכער צו זיין א חלק פון דעם "שלוחים ראללי" מאנטאג, ב׳ תמוז.

איר וועט זאגן די פסוקים, הערן א דבר תורה און א מעשה, זינגן ניגונים און זאגן לחיים!!

דעם "ראללי" וועט פארקומען -11:00 am (EST) אין עברית

און אין ענגליש 1:00 pm, 6:00 pm, 8:00pm (EST).

# דערציילט מיר א מעשה

*אליהו רייטפארט דערציילט...*

די חתונה פון מיין פעטער, ר' חיים רייטפארט, און מיין מומע מילקא סודאקעוויטש, איז באשטימט געווארן כ"ג שבט תשנ"א אין כפר חב"ד.

א פאר וואכן פארן חתונה, האט זיך אנגעהויבן די מלחמה צווישן אמעריקא און איראק. דער פרעזידענט פון איראק *ימ"ש* האט געזאגט אז ער וועט שיסן באמבעס ר"ל אויף ארץ ישראל. די גאנצע אידישע וועלט האט געציטערט.

מיין משפחה, וואס זיי האבן זיך אנגעגרייט פארן חתונה, זיינען געווען אינגאנצן צוטרייסלט. זיי האבן ניט געוואסט וואס צו טאן וועגן די חתונה. זאל די משפחה יעצט פארן צו ארץ ישראל?

זונטיג, ט' שבט, זיינען מיין זיידע, ר' יצחק רייטפארט, צוזאמען מיט מיין טאטע און מיין פעטער - דער חתן, געפארן צום רבי'ן באקומען א דאלער און א ברכה פארן חתונה.

ווען מיין זיידע איז אנגעקומען צום רבי'ן, האט ר' לייבל גראנער געזאגט פארן רבי'ן וועגן די חתונה וואס איז באשטימט געווארן אויף נאך צוויי וואכן, אין ארץ ישראל.

דער רבי האט געפרעגט אויב די גאנצע משפחה פארט. מיין זיידע האט געענטפערט אז ער ווייסט ניט וואס צו טאן צוליב דעם מצב אין ארץ ישראל. זאלן זיי אפשטופן די טאג פון די חתונה? זאלן זיי פראווען די חתונה אין אמעריקא, אדער זאלן נאר א פאר מענטשן פון משפחה פארן צו דער חתונה?

דער רבי האט אנגעקוקט מיין זיידע, און האט געזאגט.

"דו ביסט א רב וואס קען פסק'נען הלכות. אויב דו וועסט ניט גיין, איז דאס א פסק דין אז ארץ ישראל איז א פלאץ פון סכנה. אויב דו וועסט פארן, מיינט דאס אז דו פסק'נסט אז ארץ ישראל איז א זיכערע פלאץ.

**דו זאלסט פארן מיט די גאנצע משפחה, און איך זאג דיר צו אז אלס וועט זיין גוט."**

דער רבי האט זיי ווייטער געזאגט, אז זיי זאלן מאכן א גרויסע חתונה מיט אסאך שמחה. זיי זאלן איינלאדן די אידן פון די שטעט ארום, און די חתונה וועט זיין אין א שעה טובה ומוצלחת.

מיט די ברכות פון רבי'ן, זיינען מיין טאטע, פעטער און די גאנצע משפחה געפארן אין ארץ ישראל. די ברכה וואס דער רבי האט צו זיי געגעבן האט זיך צושפרייט צו אסאך אידן, און האט זיי געשטארקט אין די שווערע צייט.

אין ארץ ישראל, האט מען זיי געזאגט אז זיי זאלן אנהויבן די חתונה פרי, און ענדיקן דאס וואס פריער אז מענטשן זאלן קענען אהיים פארן ווען עס איז נאך ליכטיג אין גאס.

אבער, לויט די אנווייזונג פון רבי'ן, איז די חופה געווען ווי מען האט עס געפלאנט. די חופה איז באשטימט געווארן פאר 7:00, אבער עס האט זיך אביסל געשטופט, און איז פארגעקומען 7:14, גלייך לעבן די גרויסע שול אין כפר חב"ד. מען האט געטאנצט און געזונגען ביז 11:30 ביינאכט מיט גרויס פרייד. פיל מענטשן זיינען געקומען צום חתונה אן אן איינלאדונג, ווייל זיי האבן געהערט וועגן די ספעציעלע ברכה פון רבי'ן.

ווי דער רבי האט צוגעזאגט, איז די חתונה פארגעקומען מיט די ריכטיגע לעבעדיקייט פון א אידישע שמחה.

*די גרעסערע נס האט מען נאר שפעטער אויסגעפונען...*

ווען די חתונה האט זיך געענדיקט, האט מיין טאטע זיך געגרייט צוריקפארן צו זיין האטעל אין ירושלים צוזאמען מיט אנדערע מענטשן פון די משפחה. פלוצלונג איז צו זיי א סאלדאט אריבערגעקומען.

"ווען איז פארגעקומען די חופה דא?" האט ער זיי געפרעגט. זיי האבן ניט פארשטאנען פארוואס ער פרעגט, אבער זיי האבן צו אים געענטפערט,

"7:14"

ווען ער האט דאס געהערט, איז ער אינגאנצן נתפעל געווארן, און ער האט צו זיי געזאגט.

"דער רבי האט אייך באשיצט! א פאר שעה צוריק, האבן אמעריקאנישע סאלדאטן געפליען איבער איראק. זיי האבן באמערקט אז מען גרייט זיך שיקן דריי באמבעס קיין ארץ ישראל. ווען זיי האבן דאס געזען, האבן זיי אויף דעם געשאסן, און זיי האבן אפגעשטעלט די באמבעס. די צייט וואס דאס איז געשען איז געווען פונקט 7:14!"




עס שטייט אין מדרש, אז משה רבינו האט געזען דעם "ספר תולדות אדם", וואס אין דעם איז געשריבן געווארן אלע דורות, צוזאמען מיט זייערע מנהיגים, וואס וועלן געבוירן ווערן ביז די צייט פון משיח'ן.

משה רבינו האט געקוקט ביים סוף פון דעם ספר, און ער האט געזען די נשמות פון דעם דור וואס וועט אריינפירן די גאולה. ער האט געזען אז זיי זיינען פשוט'ע אידן, אבער ער האט אויך געזען אז זיי האבן מסירות נפש אויף תורה און מצוות, און זיי וועלן ברענגן אסאך נחת צום אויבערשטן.

ווען משה רבינו האט דאס געזען, איז ער זייער נתפעל געווארן, און ער האט בײַ זיך געפילט קלענער ווי די פשוט'ע מסירת נפש'דיקע אידן פון אט די לעצטע דור.

*(פון ספר המאמרים תש"י)*

# TEST YOUR KNOWLEDGE

# פרשת קרח

Kids! Fill out the answers to the puzzle below, and fax it to the Shluchim Office at (718) 221- 0985 or e-mail it to connections@shluchim.org by Wednesday

שרייב אריין די נעמען וואס פעלן פון דעם רבינ'ס משפחה

צמח צדק — רביצין חי"ה מושקא

ר' ברוך שלום

____________ — רביצין רבקה

ר' לוי יצחק

רבי רש"ב — רביצין שטערנא שרה

ר' מאיר שלמה — רחל

ר' ברוך — זעלדא רחל

____________ — ____________

____________

____________



____________



ר' דובער

ר' ישראל-אריה לייב

## הצלחה רבה

נאמען:____________________ ווי אלט:______

אדרעס:________________________________

אימייל:____________________